בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
**ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע**
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס ל"א, משפטים - תרומה תשע"ט

# תוכן השיעור

'מוריד שאול ויעל'

'מחלוקת' - בריאת העולם...

'כי לא ידח ממנו נדח'

'פן יהרסו'

"אזוי גיך איז מען ביים רבי'ן"?!

"צמצומים ולבושים"

'שתוק - כך עלה במחשבה'!

נו"ן - וחי"ת!

'הצדיק וכל הנלוים אליו'

'צריך לעשות דבר שיהיה לו קיום לעד'

'וארא את השם'

'הבעל דבר מתלבש במצוות'

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 31

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים בבי-דואר (בכל שבועיים) עבור מחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת בא, תשל"ד

## - כולל שני שיעורים בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ד -

(טייפ מס' 11 ומס' 12 #)

## 'מוריד שאול ויעל'

(בתוך שיעור בתורה ס"ד, אות ג'):[א] **אַךְ דַּע, אִם יֵשׁ צַדִּיק גָּדוֹל שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, הוּא צָרִיךְ דַּוְקָא לְעַיֵּן בְּדִבְרֵי הָאֶפִּיקוֹרְסִית אֵלּוּ, וְאַף שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְיַשְּׁבָם כַּנַּ"ל, עַל כָּל זֶה עַל־יְדֵי עִיּוּנוֹ שֶׁמְּעַיֵּן שָׁם, הוּא מַעֲלֶה מִשָּׁם כַּמָּה נְשָׁמוֹת שֶׁנָּפְלוּ וְנִשְׁקְעוּ בְּתוֹךְ הָאֶפִּיקוֹרְסִית הַזֹּאת, [אויב ס'איז דא א 'צדיק גדול' וואס ער איז א 'בחינת משה', ער דארף דווקא מעיין זיין 'בדברי האפיקורסות אלו'. 'ואף שאי אפשר לישבם כנ"ל, על כל זה על־ידי עיונו' וואס ער איז דארטן מעיין, נעמט ער ארויס פון דארטן 'כמה נשמות שנפלו ונשקעו בתוך האפיקורסות הזאת']. דער אמת'ער צדיק, ער לאזט זיך נאר אריין אין די ערטער, נעמט ער שוין ארויס פון דארטן נשמות!**

---

[א] תוכן תחילת התורה (מספר קיצור ליקוטי מוהר"ן אות א'): **אִסּוּר גָּדוֹל לְעַיֵּן בְּסִפְרֵי הַמְחַקְּרִים, כִּי יֵשׁ כַּמָּה קֻשְׁיוֹת הַנִּמְשָׁכִים מִבְּחִינַת חָלָל הַפָּנוּי (עַיֵּן פְּנִים) שֶׁאִי אֶפְשָׁר לִמְצֹא עֲלֵיהֶם תֵּרוּץ בְּשׁוּם אֹפֶן. רַק לֶעָתִיד לָבוֹא יִתְגַּלֶּה הַתֵּרוּץ, כִּי אָז יִתְגַּלֶּה סוֹד הַצִּמְצוּם שֶׁל הֶחָלָל הַפָּנוּי, וְזֶה בְּעַצְמוֹ יִהְיֶה הַקִּבּוּל שָׂכָר שֶׁל הַצַּדִּיקִים, שֶׁיַּשִּׂיגוּ הַשָּׂגוֹת וְיָבִינוּ מַה שֶּׁהָיָה בִּלְתִּי אֶפְשָׁר לָהֶם לְהָבִין בָּעוֹלָם הַזֶּה. אֲבָל בָּזֶה הָעוֹלָם אִי אֶפְשָׁר לְיַשְּׁבָם בְּשׁוּם שֵׂכֶל, וּמִי שֶׁמְּעַיֵּן בְּאֵלּוּ הַחָכְמוֹת הַנִּמְשָׁכִין מִשָּׁם, יִהְיֶה נִשְׁקָע וְנֶאֱבָד שָׁם. כִּי עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן" (מִשְׁלֵי ב, יט), כִּי אִי אֶפְשָׁר לִמְצֹא שָׁם אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְהָשִׁיב עַל הַקֻּשְׁיוֹת וְהַמְּבוּכוֹת שֶׁבָּהֶם בְּשׁוּם שֵׂכֶל. רַק יִשְׂרָאֵל עַל־יְדֵי אֱמוּנָה עוֹבְרִים עַל כָּל הַחָכְמוֹת וְעַל כָּל הַמְּבוּכוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, כִּי הֵם מַאֲמִינִים בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְתוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה בְּלִי שׁוּם חֲקִירָה וְחָכְמָה, רַק בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה. וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָאִים יִשְׂרָאֵל עִבְרִיִּים, עַל־שֵׁם שֶׁעַל־יְדֵי אֱמוּנָתָם הֵם עוֹבְרִים וְעוֹלִים עַל כָּל מִינֵי חֲקִירוֹת וְחָכְמוֹת. כִּי אֵינָם צְרִיכִים לַחֲקֹר כְּלָל, כִּי הֵם יוֹדְעִים הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ עַל־יְדֵי אֱמוּנָתָם הַשְּׁלֵמָה, שֶׁמַּאֲמִינִים בְּהָאֱמֶת כְּפִי מַה שֶּׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ וְרַבּוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, וְעַל־יְדֵי־זֶה הֵם עוֹבְרִים וְעוֹלִים עַל כָּל הַחָכְמוֹת כֻּלָּם.**

אזוי ווי דער רבי פארציילט אין דער מעשה דארטן פונעם "בערגער",[ב] ער איז אריינגעגאנגען נאר אין דעם יעדניראל'ס שטוב אריין, האט ער שוין ארויסגענומען פון דארט א נשמה! כאטש ס'איז דארטן זייער א גרויסע סכנה אריינצוגיין, נאר וואס דען? משום כבודו יתברך! ווייל דער אויבערשטער וויל אז מען זאל ארויסנעמען פון דארט א נשמה - קוקט ער גארנישט אויף זיך! גייט ער אריין אין אזעלכע מיאוס'ע ערטער, און פון דארט נעמט ער ארויס!

*

זאגט דער רבי אין תורה ס"ג - ס'איז טאקע די פריערדיגע תורה - אז ס'איז דא א "נחש - ונמלה בתוך פיה", דער 'נמלה' ליגט אין דער מויל פון דעם 'נחש', 'נחש' מיינט מען די 'אפיקורסות' - זאגט דער רבי דארט, די 'נמלה' ליגט אין די מויל, זי האט א גרויסע צער דארטן, זי דארף ליגן אינעם מויל פונעם 'נחש'!

נאר וואס דען? פארוואס ליגט זי דארטן? ווייל זי נעמט ארויס פון דארטן נשמות![ג]

דאס קען מען נישט פארשטיין, וויבאלד אז זי גייט נאר אריין דארטן - טרעפט זי דארט עמיצן - נעמט זי איהם ארויס! זי ארבעט זיך מיט איהם (מיט'ן נחש), נאר איהם (די פארבלאנדזשעטע נשמה) שיקט זי (די נמלה - הצדיק) אהיים!

אזוי ווי מען גייט אריין דארט אין א שטוב אריין, און איינער האט דארט א ברוגז מיט א מענטש, (זאגט ער פאר די מענטש וואס ער טרעפט דארט); "דו גיי אהיים, איך וועל מיט איהם רעדן"!

איהם (הנשמה) שיקט ער (הצדיק) ארויס דערוויל; "דו האסט נישט דא וואס צו טוהן! איך וועל דא בלייבן דא, איך וועל מיט איהם רעדן"! און די ביידע חקר'ענען זיך, און "דו גיי אהיים"! איהם שיקט ער אהיים!

ער גייט נאר אריין דארטן אין דער חקירה - שיקט ער שוין ארויס נשמות וואס זענען דארט אריינגעפאלן!

*

[ב] ספר סיפורי מעשיות - מעשה י', בערגיר ועני.

[ג] היינו עפ"י תו' ס"ד הנ"ל.

# 'כי לא ידח ממנו נדח'

פון דעסטוועגן, ווייזן ווייזט אויס - וועט ער דען אלע נשמות ארויסשיקן?! די נשמות וואס זענען ארייגעפאלן דארטן, זיי זענען ארייגעפאלן אין השכלה, אבער ס'דרייט זיך נאך - ס'כאפט זיך אריין ביי זיי הרהורי תשובה נאך, (נאר דעמאלטס קען ער זיי העלפן, אבער) אויב דער נשמה איז "אינגאנצן אפיקורסות", איז ער דאך גלייך מיט זיי! איז ער דאך אליין א "חלל הפנוי"!

(נאר מ'רעדט אויב) ער איז אריינגעפאלן דארטן, אבער ס'קרענקט איהם נאך, ער האט נאך א מרירות דערפון, נאר ער קען נישט ארויס, נעמט איהם דער צדיק ארויס! 'אזעלכע' נעמט ער ארויס, אבער נישט אלעמען! ער זאל ארויסנעמען אלעמען?! ער איז דאך אליין א חלל הפנוי!

די 'נשמות הצדיקים' גייען אריין אין גיהנום, און פון דארט נעמען זיי ארויס נשמות![ד] וואס הייסט זיי נעמען ארויס נשמות? וויבאלד אז דער מענטש קומט גיהנום - פארוואס נעמט ער איהם ארויס?! נאר דער אמת'ער צדיק איז אזא מין "דן לכף זכות", ער זוכט אזוי, אז אפילו דארטן זוכן זיי - אין די נשמות וואס זענען שוין אין גהינום, זוכט ער כל ימי חייו עפעס ביי וואס אנצונעמען - א הרהור תשובה - עפעס האט ער געטון ביי וואס אנצונעמען ער זאל נישט זיין קיין נדח![ה]

*

"אחר" - רבי מאיר'ס רבי, האט מען איהם שוין דארטן גארנישט געוואלט דן זיין אינגאנצן! זאל ער זיך וואלגערן אלע יארן אזוי אין עולם התוהו דארטן! 'דן זיין' מיינט - אז ער וועט קודם האבן גיהנם, 'דן זיין' הייסט - ער איז שוין נישט קיין נדח! אבער מען האט איהם גארנישט געוואלט דן זיין אינגאנצן, זאל ער זיך אזוי וואלגערן! (האט רבי מאיר געזאגט;) דאס נישט! דאס נישט![ו]

צדיקים גייען אריין אין גיהנום אריין, און נעמען ארויס דארטן נשמות - אז זיי האבן ביי וואס אנצונעמען, זיי זוכן אזוי ביי איהם - ווי קען זיין ער האט אין זיין לעבן נישט

[ד] עי' חיי מוהר"ן אות תר"ב.

[ה] עי' ביאור הליקוטים כאן אות י"ב.

[ו] עי' חגיגה דף ט"ו ע"ב.

געטוהן עפעס א זאך?![ז] זוכן און זוכן זיי, און נעמען איהם ארויס! זיי נעמען נישט 'סתם' ארויס!

עס שטייט אין זוהר הקדוש;[ח] ס'איז דא א גיהנום פון "אבדון" - אבדון גייט ער פון דארטן קיינמאל נישט ארויס! א 'גהינום' איז דא וואס ער גייט ארויס, א 'יאר' - און ער גייט ארויס, 'אבדון' - פון דארט גייט ער קיינמאל נישט ארויס!

די צדיקים זעהען אז ער זאל נישט זיין קיין נדח, אפילו דארט אויבן, מען זוכט און מען זוכט און מען געפונט! מען געפונט עפעס, עפעס א טוב, עפעס א זאך, ממילא איז שוין דא ביי וואס אנצונעמען!

דער רבי האט געזאגט; "איך וועל דיר א טובה טוהן"! "איך וועל דיר ארויסשלעפן ביי די 'פיאות' פון שאול תחתית"![ט]

איז דאך אויך דאס אייגענע - מען דארף זעהן וואס מער מרבה זיין בעשיית הטוב, און וואס מער דערווייטערן זיך פון רע, און דער צדיק האט ביי וואס אנצונעמען! נאך א קרעכץ צום אויבערשטן, נאך א דיבור, נאך א צדקה, האט ער ביי וואס אנצונעמען מערער! (ער זאל קענען) ארויסנעמען איהם! דער צדיק קען נעמען נשמות וואס ליגן אינגאנצן אין (שאול תחתיות) אבער ער מוז דאך האבן ביי וואס![י]

ווייל דער צדיק - דא אין דער וועלט איז ער א 'דן לכף זכות', אין דעם עולם האט ער נאר ארויסגעגעבן ספרים פון 'התחזקות', דא האט ער געראטעוועט נשמות, האט ער דארטן אויך די זכיה! גייט ער אריין דארטן, און דארטן שלעפט ער ארויס (נשמות, פון שאול תחתיות)!

---

[ז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ב.

[ח] עי' פרשת תרומה דף ק"נ ע"ב, ובזוהר חדש פרשת לך עה"פ תן לי הנפש והרכוש קח לך.

[ט] חיי מוהר"ן אות רכ"ה, ועי' בהקדמת תיקון הכללי וז"ל שם; גם יחד אותם לעדות ואמר, שגם כי ימלאו ימיו, אזי אחר הסתלקותו, מי שיבוא על קברו ויאמר שם אלו העשרה קפיטל תהלים הנ"ל, ויתן פרוטה לצדקה עבורו, אפילו אם גדלו ועצמו עוונותיו וחטאיו מאוד מאוד ח"ו, אזי אתאמץ ואשתדל לאורך ולרוחב להושיעו ולתקנו. ואמר בזו הלשון: איך וועל מיך לייגען אין דער לענג און אין דער ברייט איך זאל איהם א טובה טהון, ביי די פאות וועל איך איהם ארויס ציהען פון דעם שאול תחתיות. ואני חזק מאד בכל הדברים שלי, אך בזה אני חזק ביותר.

[י] עי' זוה"ק פרשת פנחס דף ר"כ ע"ב, ובתיקונים דף ע"ו ע"ב (תיקון ל"ב).

"לפי מה דבר נש", א מענטש איז זיך מתדבק "בהאי עלמא" - אזוי איז ער דארטן אויך![יא] דא איז געווען איינגאנצן זיין זאך - איז נאר געווען 'זוכן זכותים', האט ער דארטן אויך די זאך, און גייט און זוכט און געפונט און נעמט ארויס!

*

# "אזוי גיך איז מען ביים רבי'ן"?!

'רבי עוזר'![יב] רבי עוזר איז געווען א איד א צדיק, ער פלעגט אוועקגיין מוצאי שבת אין פעלד אריין, און קומען פרייטאג פארנאכט!

רבי עוזר איז נפטר געווען בחיי רבי נתן, האט זיך אנגערופן רבי נחמן טולטשינער צו רבי נתן'ען; "רבי עוזר קער שוין זיין ביים רבי'ן"! אזא מענטש, אזא מין - א קדוש, אה! (אמר לו מוהרנ"ת); "**אזוי גיך איז מען פון דעם עולם ביים רבי'ן?! אזוי גיך"?!** אויף רבי עוזר!!!

**דער תירוץ איז אבער, ער איז דאך פארט געקומען צום רבי'ן, ס'איז דא אבער -** (הרבה זיכוכים צריכים לעבור עד שזוכים להגיע לרבינו).

**דער צדיק איז אזא מין 'דן לכף זכות', אז אזוי ווי ער שרייעט דא "קיין יאוש איז נישט דא",**[יג] איז דארטן אויך טרעפט ער זכותים! שלעפט ער איהם ארויס!

און דארטן א טובה טוהן די נשמות פון גיהנם - איז א געוואלדיגע טובה דארטן! די נשמות אין גיהנם קוקן דאך ארויס; געוואלד! ווען? ווען? ווען וועלן מיר ארויס פון דא?! ווען וועלן מיר ארויס?! ווען וועלן מיר ארויס?![יד] קומט צו גיין א צדיק, און

---

[יא] עי' זוהר בראשית דף ק' ע"א, ועי' חיי מוהר"ן אות ק"א.

[יב] מגדולי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל.

[יג] עי' שיחות הר"ן אות ג'; גַּם הִפְלִיג מְאֹד בְּגֹדֶל מַעֲלַת הַתְּשׁוּבָה, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁנּוֹפְלִים מְאֹד ח"ו וְכָל אֶחָד נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל רח"ל, אַף־עַל־פִּי־כֵן אָסוּר לְיָאֵשׁ עַצְמוֹ, כִּי תְּשׁוּבָה גָּבוֹהַּ לְמַעְלָה מִן הַתּוֹרָה, עַל־כֵּן אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם, כִּי אִם יִזְכֶּה יִהְיוּ נַעֲשִׂין מֵעֲווֹנוֹתָיו עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ חז"ל (יוֹמָא נו:): שֶׁנִּתְהַפְּכִין הָעֲווֹנוֹת לִזְכֻיּוֹת, וְיֵשׁ בְּעִנְיָן זֶה סִתְרֵי נִסְתָּרוֹת, רַק הַכְּלָל שֶׁמִּכָּל הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת שֶׁבָּעוֹלָם רח"ל יְכוֹלִים לַחֲזֹר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּנָקֵל, כִּי לִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר. וְהָעִקָּר שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, שֶׁלֹּא יִהְיֶה מְיָאֵשׁ עַצְמוֹ מִלִּצְעֹק אֶל ה', וּלְהִתְחַנֵּן וּלְהִתְפַּלֵּל אֵלָיו יִתְבָּרַךְ תָּמִיד.

[יד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ה אות א'; וְיֵשׁ כַּמָּה וְכַמָּה נְשָׁמוֹת עֲרֻמּוֹת, שֶׁהֵם נָעִים וְנָדִים מִחוּץ לַשָּׂדֶה, וּמַמְתִּינִים וּמְצַפִּים עַל תִּקּוּן, שֶׁיּוּכְלוּ לָשׁוּב וְלִכְנֹס אֶל מְקוֹמָם ... וְהֵם כֻּלָּם מְבַקְשִׁים וּמְצַפִּים עַל בַּעַל

ער געפונט עפעס א זכות אין איהם, ער האט אמאל געראטעוועט א איד, ער נעמט איהם ארויס, א געוואלד!

פארוואס עפעס? ווייל ער האט אין דעם עולם אויך אזוי געטוהן! ווייל אין דעם עולם איז געווען (זיין עסק -) ראטעווען מענטשן, שטארקן, 'התחזקות', האט ער דארטן אויך דעם כח!

*

נישט יעדער איינער האט דעם כח אינגאנצן! אויב דא איז ער געגאנגען מיט 'מדת הדין' קען ער דארטן אויך נישט!

מען זאגט אויף "רבי מיכל'ע זלאטשובער", ער איז א געוואלדיגער צדיק געווען, אז ער איז נפטר געווארן האט מען איהם אריינגענומען אין 'בית דין' פון אויבן, אין בית דין של מעלה, ווי נאר ס'איז געקומען א נפטר האט ער איהם געשיקט אין גיהנם אריין! ער האט אין זיין לעבן נישט טועם געווען א 'טעם חטא'! האט מען איהם געזאגט; "עה, דו קענסט נישט זיין אין דעם 'בית דין'! אלע נשמות שיקסטו אריין אין גהינום אריין"! האט מען איהם ארויסגענומען פון דעם 'בית דין'.

דער וואס אין דער עולם איז נאר זיין זאך געווען 'דן זיין לכף זכות', און זוכן זכותים, איז ער דארטן אויך![טו]

*

און וואס מער 'טוב', און דערווייטערן פון 'רע', איז דעם צדיק גרינגער! האט ער ביי וואס אנצונעמען - ער זאל איהם שלעפן!

און דארטן איז דא געוואלדיגע מקטרגים, זיי לאזן נישט אפ - קיין שום זאך לאזן זיי נישט אפ! קיין שום מחשבה פון מענטשן לאזן זיי נישט אפ! יעדע זאך שלעפן זיי ארויס!

---

הַשָּׂדֶה, שֶׁיּוּכַל לְהִתְעַסֵּק בְּצֹרֶךְ תִּקּוּנָם ... וּמִי שֶׁרוֹצֶה לַחֲגֹר מָתְנָיו, לְהַכְנִיס עַצְמוֹ לִהְיוֹת הוּא הַבַּעַל הַשָּׂדֶה, צָרִיךְ לִהְיוֹת אִישׁ אָמוּד וְתַקִּיף, וְגִבּוֹר חַיִל, וְחָכָם, וְצַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד. כִּי צָרִיךְ לִהְיוֹת אָדָם גָּדוֹל וּמֻפְלָג בְּמַעֲלָה מְאֹד... ועי' חיי מוהר"ן אות ק"צ וקצ"א.

[טו] עי' ליקוטי הלכות הל' נזיקין ג' אות ח', ועוד.

אוודאי, אז דער מענטש טוהט תשובה, ער רעדט פאר השי"ת, ער האט חרטה, ער רעדט זיך אוים פאר'ן אויבערשטן, איז אוודאי זייער גוט! וואס ער (המקטרג) וויל זאגן א ווארט, האט ער שוין געהאט חרטה![טז] אבער אז נישט - טויג נישט!

מילא - די זאכן וואס איך ווייס אז ס'איז אן עוולה, תאוות רעות, מידות רעות, אז מען רעדט צום אויבערשטן קען איך טראכטן "איך טוה תשובה", אבער אז ס'איז ביי מיר גארנישט קיין עוולות, ס'איז גארנישט ביי מיר קיין עוולה די זאך - רעדן אין שול איז עפעס אן עוולה? זיצן און רעדן דברים בטלים דאס איז אן עוולה? ס'איז גאר נישט קיין עוולה דאס! ס'איז דען אן עבירה?! איך האב דען מחלל שבת געווען?! איך האב גע'הרג'ט א מענטש?!

'דאס' (- עבירות הקטנות) קען מען קיינמאל נישט תשובה טוהן! "**למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני**"[יז] - פארוואס האב איך מורא פאר'ן 'יום רע'? די זינד וואס מען טרעט מיט די פיס - זיי נעמען מיר ארום! קיינמאל קיין תשובה נישט געטוהן![יח]

דער אויבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל - (תשובה טוהן אויף אלעם), אז מען רעדט פאר'ן אויבערטשן דיבורים, האט עס א כח אז מען ווערט אלעמאל געוואויר נייע זאכן וואס מען טאר נישט![יט] "דאס טאר מען דאך אויך נישט", "דאס טאר מען דאך אויך נישט", איך רעד דאך צום אויבערשטן דיבורים! אזוי - האב איך אסאך זאכן וואס איך מיין אז מען מעג, "איך מעג"! דאס מעג מען, דאס מעג מען, דאס מעג מען! אבער אז מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים, ווער איך געוואויר אז 'דאס טאר מען דאך אויך נישט - 'דאס' טאר מען דאך אויך נישט!

* * *

---

[טז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ט"ו - ענין "כשיש דין למטה אין דין למעלה".

[יז] תהילים מ"ט ו'.

[יח] עי' מס' עבודה זרה דף י"ח ע"א ברש"י ד"ה שאדם דש בעקביו.

[יט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל' אות ו'; וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה הִיא בִּבְחִינַת שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאֹל. הַיְנוּ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה וְלִשְׁאֹל כַּפָּרָה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל שֶׁאֵינָם יְדוּעִים, שֶׁזֶּה עִקַּר הַתְּשׁוּבָה, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ס"ט): "אֲשֶׁר לֹא גָזַלְתִּי אָז אָשִׁיב". ועי' הנהגות האדם להגה"ק רבי אלימלך מ'ליזענסק זצ"ל - סעיף א'.

# 'שתוק - כך עלה במחשבה'!

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן תו' ס"ד אות ג') דער רבי זאגט "על ידי עיונו שם" נעמט ער ארויס פון דארטן כמה נשמות וואס זענען דארטן אריינגעפאלן "ונשקעו" - זיי זענען איינגעזינקען געווארן דארט, נעמט ער זיי ארויס!

כִּי אֵלּוּ הַמְּבוּכוֹת וְהַקֻּשְׁיוֹת שֶׁל הָאֶפִּיקוֹרְסִית הַזֹּאת הַבָּא מֵחָלָל הַפָּנוּי, הֵם בִּבְחִינַת שְׁתִיקָה, מֵאַחַר שֶׁאֵין עֲלֵיהֶם שֵׂכֶל וְאוֹתִיּוֹת לְיַשְּׁבָם כַּנַּ"ל. דארטן קען מען נישט פארענטפערן, דארטן זאל מען שווייגן! דארטן אויב איך וועל וועלן זוכן דיבורים אויף צו פארענטפערן וועל איך קיינמאל נישט פארענטפערן, דארט איז א 'בחינת שתיקה'! פארוואס זאל איך דארטן שווייגן? ווייל דארטן איז דאך 'חלל הפנוי', ס'איז דאך 'פנוי' - דארט איז נישטא קיין 'שכל', אויב איך קום פארענטפערן - מיט שכל אדער מיט דיבורים - איז נישטא! דו וועסט קיינמאל נישט פארענטפערן!

כִּי הַבְּרִיאָה הָיְתָה עַל־יְדֵי הַדִּבּוּר - די בריאה איז געווארן דורכ'ן דיבור, אינעם חלל איז געווארן א בריאה, וויאזוי? דורכ'ן דיבור! כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ג): "בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ וּבְרוּחַ פִּיו כָּל צְבָאָם". וּבְהַדִּבּוּר יֵשׁ חָכְמָה, כִּי כְּלָל הַדִּבּוּר הוּא רַק חֲמֵשֶׁת מוֹצָאוֹת הַפֶּה, וְעַל יָדָם נִתְהַוּוּ כָּל הַדְּבָרִים שֶׁל כָּל הַבְּרִיאָה, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"ד): "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ".

וְהַדִּבּוּר הוּא הַגְּבוּל שֶׁל כָּל הַדְּבָרִים, דער דיבור איז דער גבול פון אלע זאכן פון דער וועלט, כִּי הִגְבִּיל חָכְמָתוֹ בְּהָאוֹתִיּוֹת, שֶׁאוֹתִיּוֹת אֵלּוּ הֵם גְּבוּל לָזֶה, וְאוֹתִיּוֹת אֵלּוּ הֵם גְּבוּל לָזֶה.

דאס איז אלס געמעדט געווארן אין דער בריאה, אֲבָל בְּהֶחָלָל הַפָּנוּי שֶׁהוּא מַקִּיף כָּל הָעוֹלָמוֹת כַּנַּ"ל, וְהוּא פָּנוּי מִכֹּל כִּבְיָכוֹל כַּנַּ"ל, אֵין שָׁם שׁוּם דִּבּוּר, וַאֲפִלּוּ שֵׂכֶל בְּלֹא אוֹתִיּוֹת כַּנַּ"ל. דארטן איז נישט קיין אותיות, דארטן איז נישטא קיין חכמה, דארטן איז נישטא קיין שכל, דארטן איז 'פנוי'! דארט איז קיין שום דיבור נישטא, אפילו שכל אהן אותיות איז דארטן אויך נישטא, וְעַל כֵּן הַמְּבוּכוֹת הַבָּאִים מִשָּׁם, הֵם בִּבְחִינַת שְׁתִיקָה, דארף מען נאר שווייגן!

וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ בְּמֹשֶׁה (מְנָחוֹת כ"ט): 'כְּשֶׁשָּׁאַל עַל מִיתַת רַבִּי עֲקִיבָא, זוֹ תּוֹרָה וְזֶה שְׂכָרָהּ. דער אויבערשטער האט איהם געוויזן דארטן רבי עקיבא ווי ער איז געזעצן און געלערנט, איז ער ארויס פון די כלים, "האסט אזא מין רבי עקיבא - גיב דורך איהם די תורה", אזוי גרויס איז ער געוועןǃ[כ]

(נאכדעם האט משה געזאגט;) "האסט מיר געוויזן זיין תורה, ווייז מיר זיין מיתה"! האט מען איהם געוויזן ווי מען שטייט מיט קעמלען און מען רייסט זיין פלייש! (האט ער געפרעגט;) "זו תורה וזו שכרה"?! הֵשִׁיבוּ לוֹ: שְׁתֹק - שווייג, כָּךְ עָלָה בְּמַחֲשָׁבָה'.

ער פרעגט דאך א זאך? זאגט דער רבי אזוי, הַיְנוּ שֶׁאַתָּה צָרִיךְ לִשְׁתֹּק, וְלִבְלִי לִשְׁאֹל תְּשׁוּבָה וְתֵרוּץ עַל קֻשְׁיָא זוֹ, אויף די קשיא איז נישטא קיין תשובה, כִּי כָּךְ עָלָה בְּמַחֲשָׁבָה, שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִן הַדִּבּוּר. עַל־כֵּן אַתָּה צָרִיךְ לִשְׁתֹּק עַל שְׁאֵלָה זוֹ, כִּי הוּא בִּבְחִינוֹת עָלָה בְּמַחֲשָׁבָה, שֶׁאֵין שָׁם דִּבּוּר לְיַשֵּׁב אוֹתָהּ.

וּכְמוֹ כֵן אֵלּוּ הַקֻּשְׁיוֹת וְהַמְּבוּכוֹת שֶׁבָּאִים מֵחָלָל הַפָּנוּי, שֶׁאֵין שָׁם דִּבּוּר וְלֹא שֵׂכֶל כַּנַּ"ל, עַל־כֵּן הֵם בִּבְחִינַת שְׁתִיקָה, וְצָרִיךְ רַק לְהַאֲמִין וְלִשְׁתֹּק שָׁם.

*

איך וועל קוקן אין א חקירה'דיג ספר מיט קשיות, און נאכדעם וועל איך שווייגן? וואס וועט מיר העלפן מיין שווייגן - אז איך טאר נישט קוקן דארטן?!

זאגט דער רבי אזוי; וְעַל־כֵּן אָסוּר לִכְנֹס וּלְעַיֵּן בְּדִבְרֵי הָאֶפִּיקוֹרְסִית וְהַמְּבוּכוֹת אֵלּוּ, נאר דער צדיק, וואס ער איז א 'בחינת שתיקה', אז איך וועל אריינגיין און נאכדעם וועל איך שווייגן, וועט עס נאכמער דרייען אין קאפ די חקירות! וואס וועט מיר העלפן מיין שווייגן?!

כִּי־אִם צַדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, נאר דער צדיק וואס ער איז א 'בחינת משה', כִּי מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת שְׁתִיקָה, משה האט געהאלטן ביי א מדריגה פון 'שתיקה', ער קען שווייגן, ער מיט זיין שווייגן וועט ער פארענטפערן די קשיות! נישט מיט קיין דיבור - ער איז א בחינת 'שתיקה'!

---

[כ] עי' גמ' מנחות שם.

**בִּבְחִינוֹת שֶׁנִּקְרָא: "כְּבַד פֶּה"** (שְׁמוֹת ד'), **דעפאר האט משה רבינו געהייסן 'כבד פה' - בְּחִינַת שְׁתִיקָה, שֶׁהוּא לְמַעְלָה מִן הַדִּבּוּר, ער איז העכער ווי דעם דיבור!** 'דיבור' איז די קשיות וואס מען קען פארענטפערן - איז דא א דיבור, אבער די קשיות וואס מען קען נישט פארענטפערן, איז משה געווען א 'כבד פה', ער האט געהאלטן ביי אזא מין סארט מדריגה פון שתיקה, וואס ס'איז העכער ווי דער דיבור!

**וְעַל־כֵּן הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בְּחִינוֹת מֹשֶׁה, בְּחִינוֹת שְׁתִיקָה, יָכוֹל לְעַיֵּן בְּדִבְרֵי הַמְּבוּכוֹת אֵלּוּ, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת שְׁתִיקָה כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ דַּוְקָא לְעַיֵּן, כְּדֵי לְהַעֲלוֹת הַנְּשָׁמוֹת שֶׁנָּפְלוּ לְשָׁם כַּנַּ"ל.**

אן אנדערער וואס האלט נישט ביי 'שתיקה', נאר מוז האבן 'דיבור', און דארט איז קיין דיבור נישטא! דארט קען מען נישט מיט דיבורים פארענטפערן, און מיט קיין שכל אויך נישט! דארט איז נישט דא קיין שכל, נישטא קיין אותיות, נישטא קיין דיבורים, גארנישט, ווערט ער דערטרינקען אויף אייביג! טאר ער נישט אריינגיין דארטן!

אבער משה - ער איז א 'בחינת שתיקה', און דארטן ווי ס'איז קיין דיבור נישטא - קען ער מיט זיין שווייגן פארענטפערן, מיט זיין מחשבה, ער מעג אריינגיין דארטן! נישט נאר ער מעג - ער מוז אריינגיין!

*

משה האט טאקע נישט געוואלט גיין צו פרעה, "מי אנכי כי אלך אל פרעה"?! ער האט געהאלטן אז "איך קען נישט גיין צו פרעה"! אזא מין 'חלל הפנוי', און אזא אפיקורסות, קען איך דארטן אריינגיין?! ער האט מורא געהאט! דער אויבערשטער האט אבער געוואוסט ווער משה איז, (אמר לו הקב"ה) "דו קענסט גיין! דו קענסט גיין צו פרעה, אַן אנדערער נישט, אבער דו קענסט גיין צו פרעה"![כא]

*

[כא] עיי"ש בליקוטי מוהר"ן אות ו'.

# 'הצדיק וכל הנלוים אליו'

און בכח פון משה'ן האט שוין אהרן אויך געקענט אריינגיין - בכח פון משה'ן! אבער אהן משה, האט אהרן נישט געקענט אריינגיין, נאר מיט משה'ן צוזאמען!

דאס איז טאקע געווען דער פגם פון די 'זקנים', די זקנים האבן זיך אפגערוקט און זענען נישט אריינגעגאנגען צו פרעה, דארפן האבן געדארפט אריינגיין אלע זקנים, זיי זענען נישט אריינגעגאנגען, די מפרשים זאגן אז זיי האבן געהאט אן עונש.[כב]

זיי זענען געווען זקנים, צדיקים, פארוואס זענען זיי נישט אריינגעגאנגען? זיי האבן מורא געהאט! זיי האבן געהאלטן אז זיי האבן נישט די כוחות אריינצוגיין צו פרעה (-החלל הפנוי)! אבער דער אויבערשטער האט געוואוסט אז איר גייט מיט משה - קענט איר גיין! אליין נישט! מיט משה האט איר יא געדארפט גיין!

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה ח',[כג] דער צדיק "וכל הנלוים אליו" - וואס זיי זענען נלוה צו איהם, זיי גייען צוזאמען מיט איהם, קען ער אויך אריינגיין! דער "צדיק גמור וכל הנלוים עליו", זיי מעגן זיך מתגרה זיין ברשעים! אבער נאר ווען - אז ער איז מיט איהם, ער לאזט איהם נישט אפ![כד] טאמער 'אליין' - טאר ער נישט!

איז ווער קען זיך אנרופן "הנלוים אליו"?! ווער קען זיך באריהמען "הנלוים אליו"?! טאר מען טאקע נישט! טאר מען טאקע נישט קוקן! טאר מען אפילו נישט רעדן פונעם רשע! ווער קען זאגן אז ער איז פון די "הנלוים אליו"?!

*

---

[כב] עי' רש"י שמות ה' א' ד"ה ואחר באו משה ואהרן וכו'.

[כג] שם סוף אות ה'; וְעַל כֵּן זֶה הַצַּדִּיק גָּמוּר וְכָל הַנִּלְוִים אֵלָיו מֻתָּרִים לְהִתְגָּרוֹת בָּרְשָׁעִים, כִּי זֶה הַצַּדִּיק יָכוֹל לֵירֵד לְתוֹךְ כָּל הַצִּנּוֹרוֹת שֶׁל כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלָּהֶם שֶׁהִגְבִּירוּ עַל עַצְמָם, וּלְשַׁבְּרָם וּלְבַטְּלָם.

[כד] עי' ביאור הליקוטים שם אות א'; וְהַנִּלְוִים מֻכְרָח לְפָרֵשׁ עַל הַנִּלְוִים הַמְקֻשָּׁרִים אֵלָיו בְּקֶשֶׁר אֲמִתִּי (קֶשֶׁר אַהֲבָה כַּמּוּבָא בְּמָקוֹם אַחֵר) בִּשְׁלֵמוּת כָּרָאוּי.

(אחד מהנוכחים; רבי נתן האט אויך געזאגט "וואס האט דער רבי געוואלט"?!),[כה] ווייל **דער רבי האט איהם געהייסן! ער איז טאקע געווען** (- "הנלוים אליו"), **דער רבי האט איהם געהייסן רעדן!**

רבי נתן האט געזאגט טאקע; "**וואס האט דער רבי געוואלט פון מיר האבן**"?! רבי נתן איז געוואלדיג געווען, ער האט געמוזט פאלגן דעם רבי'ן, ווען ער איז געווען אין אומאן האט ער געמוזט אריינגיין צו הירש בער'ן און רעדן מיט איהם, דער רבי האט איהם אזוי געזאגט!

דער רבי האט דאך געוואוסט ווער רבי נתן איז, און דער רבי האט איהם געהייסן רעדן מיט איהם! און 'הירש בער' ווייטער, האט געוואוסט ווער רבי נתן, ער האט געוואוסט מיט ווערמען ער רעדט!

*

# 'ואראה את השם'

רבי נתן האט אמאל א זאג געגעבן צו איינעם דארטן - אויך א חוקר; "**דו שפארסט זיך מיט מיר? איך האב געזאגט הירש בער'ן ואראה את השם, האט ער מיר געגלייבט**"![כו] - אינמיטן א חקירה געווען, האט ער (הירש בער) איהם געשוויגן, געגלייבט!

וואס הייסט "ואראה את ה'"? אן אמונה פון "וארארה מראות אלקים"! "**נ'פתחו ה'שמים ו'אראה מ'ראות א'לקים**" - (ר"ת אמונה)![כז]

*

---

[כה] עי' כוכבי אור - סיפורים נפלאים; וְאַחֲרֵי פְּטִירַת רַבֵּנוּ ז"ל הָיוּ יְדִידִים אֲהוּבִים לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וּמִכָּל שֶׁכֵּן לְמוֹהֲרַנַ"ת ז"ל, וּמוֹהֲרַנַ"ת ז"ל הָיָה לוֹ צִוּוּי מֵרַבֵּנוּ ז"ל שֶׁיְּדַבֵּר עִמָּם, עַל־כֵּן בְּכָל פַּעַם שֶׁהָיָה בְּאוּמֶין הָיָה לוֹ וִויזִ'יט (בִּקּוּר) אֶצְלָם וְדִבֵּר עִמָּם, וּפַעַם אַחַת נִכְנַס עִמָּם בַּחֲקִירוֹת גְּדוֹלוֹת כָּל־כָּךְ עַד שֶׁצָּעַק וְאָמַר, מָה רָצָה רַבֵּנוּ ז"ל מִמֶּנּוּ...

[כו] שם.

[כז] עי' בליקוטי הלכות ריש חושן משפט.

די גמרא[כח] זאגט דאך אז מנשה האט גע'הרג'ט ישעיה הנביא, האט ער איהם 'צוזוינגן' דארטן, פארוואס האט ער איהם 'צוזוינגן'? משה זאגט "כי לא יראנו" און דו זאגסט "ואראה את ה'"?! ס'איז דאך א געוואלדיגע קשיא!

דער רבי זאגט דאך דא (בתורה ז' תנינא) "כי לא יראני" איז א העכערע מדריגה - זאגט דער רבי אין תורה 'כי מרחמם ינהגם'! "כי לא יראני" איז א בחינת "איה מקום כבודו", דאס איז א בחינת "מה", דאס איז דער 'רבי', און "ואראה את השם" - דאס איז דער 'תלמיד'![כט]

זאגט דער רבי (שם בתו' ז') - כאטש ישעי' האט געוואוסט אז ס'איז דא א העכערע מדריגה פון "ואראה את השם", ער האט גערעדט נאר "איך האלט נאר ביי ואראה את השם", "איך האלט נישט ביי כי לא יראנו", קומט אוים אז דאס איז געווען א קלענערע זאך - די "ואראה את השם"!

אבער גוט, 'מנשה' איז געווען א רשע, וואלט ער איהם ממילא ווען גע'הרג'עט (כי לא היה מקבל את תירוצו, עיי"ש).

האט רבי נתן געזאגט; "איך האב געזאגט הירש בער'ן 'ואראה את השם' האט ער מיר געגלייבט"!

*

וויבאלד מען האט נישט דעם "שלימות אמונה שאין שלימות אחריו",[ל] און דעם "שלימות היראה", מיט דעם "צדקות" מיט דאס אלעס, טאר מען נישט רעדן מיט זיי! "ראוי להתרחק מדיבורים של רשע" - זאגט דער רבי אין א תורה[לא] - זייער דיבורים

---

[כח] עי' יבמות דף מ"ט ע"ב, עיי"ש.

[כט] וז"ל שם באות ח'; כִּי מֹשֶׁה הִשִּׂיג בְּחִינַת (שְׁמוֹת ל"ג): "כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי", זֶה בְּחִינַת הַהַשָּׂגָה שֶׁל מָה, בְּחִינַת: מֶה חָמִית וְכוּ', שֶׁזֶּהוּ הַהַשָּׂגָה שֶׁל דָּרֵי מַעְלָה, בְּחִינַת בֵּן. וִישַׁעְיָה, שֶׁהָיָה בְּמַדְרֵגָה קְטַנָּה מִמֹּשֶׁה, אָמַר (יְשַׁעְיָה ו): וָאֶרְאֶה אֶת ה' - זֶה בְּחִינַת הַשָּׂגָה שֶׁל דָּרֵי מַטָּה, בְּחִינַת תַּלְמִיד, בְּחִינַת 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'. כִּי אַף־עַל־פִּי שֶׁיָּדַע יְשַׁעְיָה שֶׁיֵּשׁ הַשָּׂגָה שֶׁל בְּחִינַת מָה, אַף־עַל־פִּי־כֵן אָמַר לְפִי מַדְרֵגָתוֹ, שֶׁהוּא הָיָה בִּבְחִינַת הַהַשָּׂגָה שֶׁל 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', בְּחִינַת: וָאֶרְאֶה אֶת ה'.

[ל] מל' ליקו"מ תו' י"ח אות ג'.

[לא] ליקוטי מוהר"ן תו' מ"ג, וז"ל שם; דַּע כִּי הַדִּבּוּרִים שֶׁל הָרָשָׁע שֶׁהוּא בַּר דַּעַת, מוֹלִידִים נִאוּף בְּהַשּׁוֹמֵעַ ... וּכְשֶׁרָשָׁע מְדַבֵּר וּמוֹצִיא מִפִּיו הֲבָלִים, מוֹלִיד אֲוִירִים אַרְסִיִּים שֶׁל נִאוּף. וְהַשּׁוֹמֵעַ מִמֶּנּוּ הַדִּבּוּרִים,

**איז "אוירים ארסיים של ניאוף"! ער לאזט ארויס א 'דוך' (- הבל), איז עס א גיפט פון ניאוף - זאגט דער רבי!**

**אזוי זאגט דער רבי אין תורה מ"ג; "להתרחק מדיבורים של רשע", דאס איז "אוירים ארסיים של ניאוף"! אז דער רשע רעדט ארויס פון זיין מויל דעם הבל, איז ער "מוליד אוירים ארסיים של ניאוף", און דער וואס ס'הערט פון איהם דיבורים, און ער איז "נושם נשימות", נעמט ער אין זיך אריין די "אוירים"!**

**דער רבי רעדט דארט, אז ס'איז דא אויף א מענטש א התגברות פון פגם הברית דורך 'בלעם הרשע' - פון זיין 'מויל', כאטש דער אויבערשטער זאגט איהם דאך (- נבואה) אבער ער האט פארט גערעדט, איז געווארן נאכדעם וואס ס'איז געווארן דארטן - מיט די 'שיטים', אלעם פון זיינע דיבורים, פון זיינע גיפטיגע "ארסיים של ניאוף"!**

*

(אחד מהנוכחים; דער אויבערשטער זאגט צו משה, "בא אל פרעה", משה האט דאך מורא געהאט צו גיין, 'בא' איז דער טייטש, 'איך וועל דארטן זיין', ער וואלט גערארפט זאגט "לך אל פרעה"?! זאגט ער 'בא', 'קום'! "איך וועל דארט זיין, דו האסט נישט וואס מורא צו האבן", 'קום' הייסט - "איך וועל דארט זיין"), **זיי זאגן טאקע, 'בא' - "קום מיט מיר"!**[לב]

* * *

---

וְנוֹשֵׁם נְשִׁימוֹת, מַכְנִיס בְּגוּפוֹ אֵלּוּ הָאֲוִירִים. וּלְפִיכָךְ בְּבִלְעָם שֶׁהוּא בְּחִינוֹת דַּעַת דִּקְלִפָּה כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סִפְרֵי פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, וּבַזֹּהַר שְׁמוֹת כ"א:, בָּלָק קצ"ג:): עַל פָּסוּק: "לֹא קָם כְּמֹשֶׁה" וְכוּ', 'בְּיִשְׂרָאֵל לֹא קָם, אֲבָל בָּאֻמּוֹת קָם, וּמָנוּ בִּלְעָם' ... וְעַל־יְדֵי דִּבּוּרָיו הוֹלִיד אֲוִירִים אַרְסִיִּים שֶׁל נִאוּף. לָזֶה כְּשֶׁבָּאוּ מִמִּלְחֶמֶת מִדְיָן, נֶאֱמַר (בַּמִּדְבָּר ל"א): "וַיִּקְצֹף מֹשֶׁה עַל פְּקוּדֵי הֶחָיִל, וַיֹּאמֶר הַחִיִּיתֶם כָּל נְקֵבָה, הֵן הֵנָּה הָיוּ בִּדְבַר בִּלְעָם". 'בִּדְבַר' דַּיְקָא, כִּי עַל־יְדֵי דְּבָרָיו, שֶׁהוּא הִתְגַּלּוּת הַדַּעַת שֶׁלּוֹ, הוֹלִיד נִאוּף בְּמִדְיָן. וּלְפִיכָךְ כְּשֶׁבָּאוּ מִמִּלְחֲמוֹת מִדְיָן, כְּתִיב (שָׁם): "וַיִּקְרְבוּ אֶל מֹשֶׁה רָאשֵׁי הַפְּקֻדִים וְכוּ', וַיֹּאמְרוּ וַנַּקְרֵב אֶת קָרְבַּן ה' וְכוּ', לְכַפֵּר עַל נַפְשׁוֹתֵינוּ לִפְנֵי ה'". וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת ס"ד): 'שֶׁכָּךְ אָמְרוּ, אַף־עַל־פִּי שֶׁמִּידֵי עֲבֵרָה יָצָאנוּ, מִידֵי הִרְהוּר לֹא יָצָאנוּ'.

[לב] עי' זוה"ק שם דף ל"ד ע"א.

# 'מחלוקת' - בריאת העולם...

(מתוך שיעור בתורה ס"ד, אות ד'); **זאגט דער רבי; וְדַע, כִּי מַחֲלֹקֶת הִיא בְּחִינוֹת בְּרִיאַת הָעוֹלָם. דער רבי מיינט נישט 'מחלוקת' - מען קריגט זיך ארום! אז מען קריגט זיך ארום - דאס איז 'חורבן העולם', דאס איז נישט קיין 'בריאת העולם'! דער רבי מיינט 'מחלוקת' וואס 'תנאים ואמוראים' זענען מברר א זאך - אויסלערנען א הלכה ווי אזוי מען דארף זיך פירן, ס'איז דא חילוקי דעות, מען איז מברר די זאך, דאס איז די בריאת העולם! דערפון ווערט בריאת העולם!**

**כִּי עִקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם, עַל־יְדֵי חָלָל הַפָּנוּי כַּנַּ"ל, דער עיקר בריאת העולם איז דורכ'ן "חלל הפנוי" האט מען אויבן געלערנט. כִּי בְּלֹא זֶה הָיָה הַכֹּל אֵין סוֹף, וְלֹא הָיָה מָקוֹם לִבְרִיאַת הָעוֹלָם כַּנַּ"ל.**

**אפילו די צדיקים זענען זיך 'מצמצם' זייער 'אור', ווארן דער צדיק - אז ער זאל זיך ווען נישט מצמצם זיין דעם אור - רבי נתן ברענגט טאקע אין דער הקדמה פון דער ליקוטי מוהר"ן, "אז וויפיל דער ליקוטי מוהר"ן איז אזוי פיל הויך, האט דער רבי אראפ געלאזט - מצמצם געווען - אז מיר זאלן אויך קענען עפעס וויסן"![לג] ווען נישט וואלט מען גארנישט געקענט וויסן! אז דער צדיק זאל נאר ווען גיין מיט זיין מח, מיט זיין גרויסקייט, וואלט מען גארנישט געקענט איהם משיג, וואלט מען גארנישט געקענט אפילו דערגרייכן איהם! נאר ווען ער איז מצמצם - אזוי ווי דער אויבערשטער האט זיך מצמצם געווען דעם אור ביים תחילת הבריאה - אז נישט וואלט נישט געקענט זיין בשום אופן קיין בריאה, אזוי דער צדיק איז זיך אויך מצמצם!**

---

[לג] וז"ל שם; וְהִנֵּה אַף עַל פִּי שֶׁהַדְּבָרִים גְּלוּיִים וּמוּבָנִים קְצָת עַל פִּי פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים, אַף עַל פִּי כֵן עוֹד דְּבָרִים בְּגוֹ, כִּי כִּפְלַיִם לְתוּשִׁיָּה, כִּי עֲדַיִן פְּנִימִיּוּת הַדְּבָרִים סְתוּמִים וַחֲתוּמִים מֵעֵין כָּל, כִּי הֵם דְּבָרִים שֶׁכִּסָּה עַתִּיק יוֹמִין, שֶׁצְּרִיכִין לְכַסּוֹתָם וּלְגַלּוֹתָם כְּדֵי לְהַכְנִיסָם בְּזֶה הָעוֹלָם, כִּי הַמִּכְסֶה הוּא הַגִּלּוּי וְכוּ'. וְכַמְבֹאָר מִזֶּה בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל, וְכַאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ ז"ל שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר, שֶׁהַתּוֹרָה שֶׁהוּא מְגֻלֶּה, הִיא נְמוּכָה אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מַדְרֵגוֹת מִכְּפִי מַה שֶּׁהִשִּׂיגָהּ בִּמְקוֹמָהּ הָעֶלְיוֹן. וְהֵן הֵן גְּבוּרוֹתָיו, הֵן הֵן נוֹרְאוֹתָיו, אֲשֶׁר הִשִּׂיגָה יַד שִׂכְלוֹ הַקָּדוֹשׁ הָרָם וְנִשָּׂא, לְהַלְבִּישׁ וּלְהוֹרִיד דְּבָרִים גְּבוֹהִים וְנוֹרָאִים כָּאֵלֶּה, דְּבָרִים קְדוֹשִׁים וְדַקִּים וְרוּחָנִיִּים מְאֹד, לְהַלְבִּישָׁם בִּלְבוּשִׁים רַבִּים וְצִמְצוּמִים, עַד אֲשֶׁר יִהְיוּ דְּבָרִים הַשָּׁוִים לְכָל נֶפֶשׁ, לְהוֹדִיעַ לִבְנֵי הָאָדָם גְּבוּרוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, לְגַלּוֹת עֵצוֹת וּדְרָכִים וּנְתִיבוֹת לְהַגִּיעַ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת.

ביי איהם הייסט עס א 'בחינת צמצום', זיינע 'מוחין' לויפן איהם אין השגת אלקות, ער לאזט זיך אראפ און ער איז זיך מצמצם!

דאס הייסט; 'מחלוקת', 'חילוקי דעות', ער מוז מאכן אנדערש אביסל, נישט אזוי ווי ס'איז, און דעמאלטס קען ווערן בריאת העולם!

"עיקר בריאת העולם ע"י חלל הפנוי כנ"ל, כי בלא זה היה הכל אין סוף"!

*

דער רבי האט ארויסגעגעבן א זאך "אז מען זאל רעדן מיט מענטשן", "מקרב זיין מענטשן צום אויבערשטן"![לד]

יעדער איינער ווייזט איהם אויס; "פארוואס דארף איך בטל'ן די צייט? בעסער טוהן אליין?! לערנען און דאווענען, טוהן אין אידישקייט?! נאר דאס הייסט דאך ביי איהם א 'צמצום', ער איז זיך 'מצמצם', ער לאזט אפ זיין תורה, זיין תפילה, און ער רעדט מיט מענטשן! אבער דאס איז דער 'בריאת העולם'! אהן דעם קען קיין בריאת העולם נישט זיין!

אזוי איז געווען ביים אנהויב בריאה, און אזוי פירן זיך צדיקים, זיי לאזן אפ זייערע מוחין, און אזוי דארף זיין ביי יעדעם איינעם אויך! רעדן מיט יענעם, זיך דורכרעדן זיך דעם תכלית, דאס איז אינגאנצן דער תיקון העולם!

וְעַל־כֵּן צִמְצֵם הָאוֹר לִצְדָדִין, וְנַעֲשָׂה חָלָל הַפָּנוּי, וּבְתוֹכוֹ בָּרָא אֶת כָּל הַבְּרִיאָה, דערפון וואס מען קומט זיך צונויף - יעדער איינער וואלט געקענט לערנען פאר זיך - ווערט א גאנצע בריאה! ווערט א נייע בריאה דערפון, ס'ווערט נייע הלכות, ס'ווערט מבורר א זאך! - הַיְנוּ הַיָּמִים וְהַמִּדּוֹת, עַל־יְדֵי הַדִּבּוּר כַּנַּ"ל, "בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ" וְכוּ'.

*

וְכֵן הוּא בְּחִינַת הַמַּחֲלוֹקוֹת, כִּי אִלּוּ הָיוּ כָּל הַתַּלְמִידֵי־חֲכָמִים אֶחָד, לֹא הָיָה מָקוֹם לִבְרִיאַת הָעוֹלָם. דער אור וואלט געווען אזוי גרויס - דער אור, ס'וואלט נישט געקענט זיין בשום אופן קיין מקום ס'זאל קענען זיין א בריאה!

---

[לד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ל"ד, ותו' ז' תניינא, ועוד.

חוץ וואס מען וואלט נישט געקענט מברר זיין קיין שום זאך, ווייל איינער וואלט דאך נישט געוואלט זאגן אקעגן דעם אנדערן - וואלט דער אור געווען אזוי גרויס, אז ס'וואלט נישט געקענט זיין בשום אופן קיין בריאת העולם!

דער רבי האט טאקע געזאגט טאקע; **"ער איז געקומען אין ארץ ישראל, האב איך אייך געבראכט א מתנה - מחלוקת"!**

ווען מען זאל נישט געווען קריגן אויפ'ן רבי'ן, וואלט דער אור געווען אזויפיל גרויס, אז ממש מען וואלט גארנישט געקענט אריינגעבן דעם אור אין דער וועלט אריין! אזוי וואלט געווען דער אור גרויס!

ס'וואלט אזוי געשיינט דער אור, דארטן - גאר די גרויסע מענטשן וואלטן געקענט עפעס האבן, אבער ווייטער וואלט מען נישט געקענט עפעס האבן!

אבער דורך 'מחלוקת', ווערט דער אור 'מצומצם', דער רעדט אזוי, דער רעדט אזוי, קען שוין עפעס אריינגיין עפעס א דיבור אין דער וועלט! - רַק עַל יְדֵי הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁבֵּינֵיהֶם, וְהֵם נֶחֱלָקִים זֶה מִזֶּה, וְכָל אֶחָד מוֹשֵׁךְ עַצְמוֹ לְצַד אַחֵר, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בֵּינֵיהֶם בְּחִינוֹת חָלָל הַפָּנוּי, שֶׁהוּא בְּחִינוֹת צִמְצוּם הָאוֹר לִצְדָדִין, שֶׁבּוֹ הוּא בְּרִיאַת הָעוֹלָם עַל יְדֵי הַדִּבּוּר כַּנַּ"ל.

*

## 'פן יהרסו'

דער רבי רעדט טאקע אין די תורה פון מ"ט פון 'צמצום',[לה] רעדט דער רבי דארטן פון 'היטן די מחשבה'!

דא רעדט דער רבי אויך צוויי זאכן; 'מצמצם זיין', און אינעווייניג איז שוין דער 'דיבור'! דער צמצום אליין - זאגט דער רבי - איז 'שתיקה', אבער אין דעם צמצום - אין דעם חלל - דארטן איז שוין א בריאה, דער בריאה איז שוין דורך דיבור! אז מען איז מצמצם דעם אור - פארוואס איז מען מצמצם דעם אור? כדי ס'זאל קענען זיין א בריאה! דער בריאה איז דורך'ן 'דיבור'!

[לה] עיי"ש אות א', ובליקוטי הלכות תפלת המנחה ז' באריכות.

ס'איז ביי יעדעם אויך אזוי, ער מוז מצמצם זיין זיך, אויב ער וועט זיך נישט מצמצם זיין וועט גארנישט זיין דערפון! און אז ער איז מצמצם - דארף ער מרבה זיין בדיבורים דארט! דארט איז שוין דא א דיבור!

יעדער איינער מוז האבן א צמצום, אויב ער זאל נישט האבן א צמצום קען ער - דער אויבערשטער וויל מען זאל זיין געזונט, מען זאל מאריך ימים זיין, מען זאל קענען טאן מצוות ומעשים טובים! מוז מען זיך מצמצם זיין!

אז ער וועט זאגן - ער וועט גארנישט וועלן שלאפן, ער וועט גארנישט וועלן עסן, ער וועט גארנישט וועלן, וואס וועט זיין דערפון? וועט ער גארנישט האבן! ס'וועט באזירן דער קאפ, דער קאפ וועט ווערן משוגע, ער וועט גארנישט קענען טוהן! וואס וועט ער האבן דערפון? דער אויבערשטער וויל דאך אז ער זאל יא קענען טוהן עפעס!

נאר וואס דען? דער צמצום דארף זיין מיט א מאס! וויפיל? קען זיין איך בין צופיל מצמצם - טויג אויך נישט! אבער מען מוז זיך מצמצם זיין - דארטן ווערט א בריאה, און דער בריאה ווערט שוין דורכ'ן דיבור!

אזוי איז געווען ביים אנהויב בריאת העולם, און אזוי פירן די צדיקים בכלל מיט זייער וועג, און אזוי דארף יעדער איינער אויך וויסן א וועג פון צמצום!

*

# "צמצומים ולבושים"

'רבי נתן', רבי נתן איז געווען אזוי אפגעהיט דער ענין פון חצות, געוואלד, און רבי נתן האט זיך נישט געלייגט שלאפן ווינטער! די קינדער זענען געקומען פון חדר, האט ער געגעסן מיט זיי צוזאמען נאכטמאל, און נאכדעם האט ער זיך געלייגט שלאפן!

רבי נתן איז געווען א שוואכער מענטש, ער וואלט ווען געקענט שלאפן פריער מיט א צוויי שעה, און וואלט געווען אויסגערוהט בעסער, ער וואלט ווען געקענט א אנדערע חצות האבן!

דער תירוץ איז - רבי נתן האט געוואוסט אז ער וועט עסן צוזאמען מיט די קינדער נאכטמאל, און די קינדער וועלן ליינען קריאת שמע און בענטשן - דאס איז ער מחויב, דאס איז דער רצון ה'! - דעמאלטס וועט ער האבן 'קינדער', האט ער

געווארט מיט'ן לייגן זיך שלאפן ביז די קינדער זענען געקומען פונעם חדר, צוזאמען געגעסן נאכטמאל, און געבענטשט, געליינט קריאת שמע, די קינדער געלייגט שלאפן!

דאס איז א געוואלדיגע 'צמצום'! איז געווארן אבער א 'בריאה', איז רבי יצחק געווען - "רבי יצחק", און רבי נחמן - איז געווען "רבי נחמן", און "רבי יוסף יונה", איז געווען "קינדער", איז געווען קינדער 'צדיקים'! פארוואס? ווייל ער האט - (זיך מצמצם געווען)! איי איהם האט דאך עס דערלאנגט?! דער תירוץ איז - איך מוז זיך מצמצם זיין!

אז דער אויבערשטער האט זיך אליין מצמצם געווען ביים אנהויב בריאה - אז נישט וואלט נישט געקענט זיין קיין בריאה! און צדיקים זענען זיך מצמצם - צדיקים!

אז מיר האבן עפעס פונעם לקוטי מוהר"ן - איז עס שוין א צמצום! אזוי מצמצם געווען, מצמצם געווען אזויפיל צמצומים - אז מען זאל קענען עפעס ארויסהאבן דערפון, ווייטער וואלט מען גארנישט געקענט - (משיג זיין דערפון)!

און דער 'זוהר' - די אלע הייליגע ספרים איז דאך אזוי - געוואלדיג מצומצם! פארוואס? ס'זאל קענען ווערן א בריאה! ס'ווערט א בריאה, דער בריאה ווערט שוין מיט א דיבור - ווערט עפעס! אז איך וועל זיך נישט וועלן מצמצם זיין וואס ווערט (ווערן דערפון)?!

*

האט מען טאקע געזעהן פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, אז ס'איז געווען מענטשן - ער האט געהאט תלמידים צדיקים, "רבי מרדכי סאקאלאווער", "רבי שלמה גבריאל", ער האט געהאט דארטן אידן 'צדיקים', ממש 'צדיקים', 'מוחות', ער האט מיט זיי אנדערש גערעדט (- באופן עמוק יותר)! אבער טאמער מען איז נישט געווען די הויכע סארטן מענטשן, נאר ס'איז אזעלעכע (יותר פשוטים), האט ער ווידער אנדערש גערעדט (- לפי מדרגתם)!

כאטש זיין מח איז געווען א הייליגע מח, ער האט געקענט רעדן (יותר עמוק)?! דער תירוץ איז - איצטער דארף ער זיך מצמצם זיין! ווערליג די מענטשן וואס זיצן דא -

דארף ער זיך מצמצם זיין, און דערציילן זיי (- עובדות וסיפורים), רעדן אזוי ס'זאל קענען זיין א בריאה!

פון יעדער מענטש ווערט א בריאת העולם - ס'ווערט א בריאה! ס'איז א חיוב פון יעדעם איינעם לפי ערכו - אז ער וויל יענעם א טובה טוהן - זאל ער נישט קוקן אויף זיך, זאל ער זיך מצמצם זיין, וועט ווערן א בריאה, דערמיט וועט ווערן - דאס איז דער תיקון העולם!

*

(השואל; אין אנהויב רעדט דער רבי אז פון 'מחלוקת' ווערט די מקום - די בריאה, שפעטער רעדט דער רבי פארקערט, אז מען האלט זיך אפ פון רעדן צופיל - דאס מאכט דער בריאה?!) **דאס איז עפעס אנדערש! דו מיינסט דעם 'שתיקה'?! ס'איז צוויי זאכן דא; דער 'חלל' אליין - זאגט דער רבי - אין די חלל איז געווארן א בריאה, "אותותי אשר שמתי בקרבו",[לו] די אותיות הבריאה איז געווארן אין חלל, אבער דער סוד פון חלל אליין דאס קען מען גארנישט רעדן, ממש חלל הפנוי, ס'איז דארטן "יש - ואין", ס'איז א חלל - און ס'איז נישט א חלל, ס'איז יא דא - ס'איז נישט דא, דארט אליין קען מען גארנישט רעדן, דארטן איז למעלה מדיבור, דארטן איז נאר שווייגן!**

**אבער די בריאה וואס איז געווארן דארטן - ס'איז געווארן א בריאה - דער אויבערשטער האט באשאפן עולמות, דארטן קען מען שוין רעדן! דארטן איז שוין דא דיבורים!**

(השואל; און דאס איז מען מקיים נאר דורך מחלוקת?) **אה מחלוקת, חילוקי דעות - איז שוין א צמצום! אז אלע האבן איין געדאנק - איז עס אהן א צמצום! 'מחלוקת' איז שוין מצמצם! דער אזוי, דער אזוי, אז מען הייבט שוין אן מיט חילוקי דעות - איז שוין א צמצום!**

**דער רבי וועט זאגן ווייטער "כל ימי גדלתי בין החכמים",[לז] די חכמים - דער אזוי, דער אזוי, קען דארטן וואקסן מידות! דאס איז שוין דער 'דיבור', די 'בריאה', אבער די עצם 'חלל הפנוי' אליין, דארטן איז 'שתיקה', דארטן קען מען גארנישט אריינגיין**

---

[לו] עי' בסוף תו' ס"ד.

[לז] עי' בתו' ס"ד אות ד', עפ"י אבות פ"א י"ז.

און וויסן! דארטן איז "יש ואין", דארטן טאר מען נישט מעיין זיין, אז מען איז מעיין איז "כל באיה לא ישובון"! אבער אז דער אויבערשטער האט שוין מצמצם געווען די אור, ער האט שוין געמאכט א בריאה, אין די בריאה איז שוין דא דיבורים - איז שוין דא מידות, דיבורים!

*

אזוי ביי יעדעם איינעם אויך אזוי, דער 'בעל דבר' האט צוויי וועגן וואס ער וויל א מענטשן דערלאנגען; ער האט א וועג - ערווארפט איהם אריין אין תאוות, אין חושך, אין די ביטערע מידות, און כאפט איהם!

איינער לאזט זיך נישט - ער לאזט זיך נישט אריינווארפן אין תאוות, ווארפט ער איהם אריין אין צופיל 'אור', און 'ריבוי אור', געוואונט ער איהם איינגאנצן אויך! ער ווארפט איהם אריין אין צופיל אור, און ממילא פטר'ט ער אוועק זיין געזונט מיט זיינע כוחות - האט ער איינגאנצן געוואונען!

אז ער איז געזונט און אלעם - קען ער דאך טוהן וואס מ'דארף טוהן![לח]

*

## נו"ן - וחי"ת!

אין דער ערשטע תורה ברענגט רבי אברהם;[לט] אז נו"ן איז א צמצום, איז צוויי נו"נין איז דא - ס'איז דא צוויי צמצומים, א צמצום פון תאוות - און א צמצום פון רבוי אור!

דער רבי זאגט אז נו"ן איז א צמצום - מלכות! אין די ערשטע תורה באלד - נו"ן איז דא צוויי צמצומים, אזוי ווי איך טאר נישט גיין אין די תאוות - טאר איך נישט גיין אין 'ריבוי אור'! ווארן ס'איז דאך איין כוונה - אזוי ווי די תאוות דערוויטערט מיך פונעם אויבערשטען - דורכדעם (- ריבוי אור) דערווייטערט איהם אויך פונעם

---

[לח] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"א, שאמר רביז"ל לר' דוב מ'טשערין; 'דַיְין חֲצוֹת וֶועט זַיְין דְרַיי אַזֵייגֶער'! עיי"ש הענין. וכמו"כ יש דיבור מרביז"ל (מובא בשיש"ק ב' מ"ג); "אַז אַ מֶענְטְש אִיז גֶעזוּנְט דַארְף עֶר טָאהְן אוּן טָאהְן אוּן טָאהְן (בתורה ועבודה), אִיז עֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט - דַארְף עֶר אַוֶועק לָאזְן דֶעם שֶׁערִין אַיְיזְן"! - כלומר, צריך לעזוב את העבודות הקשות, ולעשות כפי יכלתו.

[לט] עי' היטב בביאור הליקוטים תו' א' אות ג' - ו'.

אויבערשטען! ס'וועט איהם מאכן פאר 'אוים מענטש' אינגאנצן, ער וועט אוועקגיין, מ'וועט נישט האבן מיט וועמען צו רעדן!

ער (- הבעל דבר) האט צוויי וועגן; ער זעהט מיט יעדעם איינעם מיט וואס ער וועט איהם פאקן, א מענטש - ער לאזט זיך נישט, ער לאזט זיך נישט אריינוואַרפן אין תאווה, ער לאזט זיך נישט, נעמט ער איהם אויף דער וועג, און סוף וועט זיין - ער וועט איהם אינגאנצן אוועק פטר'ן! אדער ער העט זעהן ער קען נישט אויסהאלטן! ווארן פון 'ריבוי אור' איז געווארן גרויסע קלקולים - 'בן עזאי' און 'בן זומא',[מ] 'תנאים'! ס'איז געווארן קלקולים דערפון, ווייל ס'איז נישט געווען קיין צמצום.

*

וואס א מענטש געבט א טוה א זאך, און 'לפי שעה' איז דאס א זאך, דארף מען דאך אבער טראכטן - דער זאך זאל האבן א קיום! דער מענטש וויל דאך 'מאריך ימים' זיין, דער אויבערשטער וויל דאך מען זאל 'מאריך ימים' זיין, מוז איך זעהן ס'זאל האבן א קיום! א קיום אין די כוחות, אין די אויגן, אין מח, מיט די מויל, מיט די פיס, ס'זאל האבן א קיום - מוז ער זיך מצמצם זיין! דארטן וועט קענען זיין א בריאה, ער וועט קענען אויפשטיין, ער וועט קענען רעדן, ער וועט קענען לערנען, ער וועט קענען דאווענען!

ווארן אז ער האט א 'גוף' - ער האט מיט וועמען צו רעדן, דער גוף איז א 'משרת', אבער ס'דארף זיין א 'גוף'!

טאקע דער 'שני למלך'[מא] האט געבעטן מען זאל איהם געבן א 'משרת' צו זוכן די 'בת מלך', האבן אונזערע לייט געזאגט; א משרת מיינט מען א גוף, מען זאל איהם געבן א געזונטע גוף, א באדינער, א משרת, צו גיין זיך ארומלאזן און ארומזוכן די בת מלך - דארף מען האבן א געזונטע גוף!

(אחד מהנוכחים; א פערד, מיט א משרת, און געלט אויף הוצאות), געלט באזונדער, א פערד איז די כוחות! (עיי"ש).

*

[מ] עי' ליקוטי הלכות הל' תפלת המנחה ז' אות צ"ה.

[מא] עפ"י סיפורי מעשיות - מעשה א', אבידת בת המלך.

# 'צריך לעשות דבר שיהיה לו קיום לעד'

ביים רבי'ן איז געווען תלמידים אזעלעכע - וואס דער רבי האט זיי געפירט אויף א שארפן וועג, "רבי שמואל אייזיק" - אויף א שארפן וועג געגאנגען! ער האט געזאגט **"אויב איך זאל זאגן היינט דעם אייגענעם שמע ישראל וואס נעכטן, איז זיין לעבן איהם נישט ניחא!** (ער זאל זיך לייגן -) **מען זאל איהם אפהאקן דעם קאפ"!** זיין לעבן איז איהם נישט ניחא! א שארפער וועג!

מען האט דאס פאר רבי נתן דערציילט - אז רבי שמואל אייזיק זאגט אזוי, "אויב איך זאל זאגן היינט דעם שמע ישראל אזוי ווי איך האב געזאגט נעכטן, זאל מען איהם אפהאקן דעם קאפ - וויל ער גארנישט לעבן איגאנצן, ביים שוועל זאל מען איהם אפהאקן דעם קאפ", האט זיך אנגערופן רבי נתן; **"איהם האט דער רבי געפירט אויף א שארפע שווערד, און ער איז בייגעקומען"** - דער רבי האט איהם אזוי געפירט! ער האט זיך נישט גענומען אליין דעם וועג, איהם האט דער רבי געפירט אויף אזא וועג - **"מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי מקבל געווען"** - דער אייגענער רבי, האט רבי נתן געזאגט אויף זעך - "מיר האבן פונעם רבי'ן נישט אזוי מקבל געווען! מיר האבן מקבל געווען פונעם רבי'ן, אז מען קען **נישט דאווענען יום כיפור - זאל מען דאווענען צו גאט'ס נאמען"!** - צומארגנס פון יום כיפור הייסט 'שם השם',[מב] דער אייגענע רבי!

דער תירוץ איז - איהם האט ער געפירט אויף דעם וועג! וואס איז געווארן טאקע? רבי שמואל אייזיק האט געהאט עטליכע תלמידים, האט ער געהאט גאר געציילטע חסידים! דער שווער (- רבי אהרן קיבליטשער) פלעגט זאגן, אז אין קיבליטש איז געווען א חסיד - עטליכע חסידים געהאט - אויך געקענט גיין אויף אזא וועג!

נאך א זאך, די חסידים האבן זיך אויסגעלאזט, און פון די חסידים איז שוין נישט געקומען קינדער! פון רבי שמואל אייזיק'ס חסידים איז מען שוין נישט געפארן קיין אומאן אויף ראש השנה! דערוויטערט געווארן!

---

[מב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ו תניינא.

אזעלכע וועגן ווי ער האט געהאט, און זיינע תלמידים האבן געהאט, האט ער נישט געקענט משפיע זיין אויף די קינדער ווייטער! ס'איז געווארן אינגאנצן אפגעהאקט!

אבער רבי נתן'ס וועג איז נאך היינט דא! דאס אלעס וואס מיר זיצן נאך דא און מ'רעדט - איז אלעס אינעם כח פון רבי נתן'ען! ווייל דורך התחזקות - רבי נתן מיט די ליקוטי הלכות מיט די אלע זאכעונישן - איז איצטער ברוך השם אויך דא! איז דא 'ירושלים', ס'איז דא 'בני ברק', ס'איז דא אין 'אמעריקע'! מען רעדט נאך פונעם רבי'ן, ס'קאכט זיך א רבי!

אבער פון "רבי שמואל אייזיק'ס" גאנג - איהם האט דער רבי געפירט אויף דעם וועג! אבער ס'קען זיין - איך קען זאגן?! רבי שמואל אייזיק איז געווען א איד א צדיק, א קדוש, קען אבער זיין אז זיינע מענטשן האט ער שוין געדארפט פירן שוואכער, זיינע מענטשן האבן שוין נישט געהאלטן מיט זיינע - מיר רעדן דאך פון רבי שמואל אייזיק'ן! דאס האבן מיר געזעהן בחוש - אונזערע לייט פלעגן דאס זאגן - אז פון רבי שמואל אייזיק'ן איז נישט געבליבן קיין השארה צום רבי'נס זאך!

אין 'קיבליטש' האט געוואוינט זיינער א פלומעניק - ער פלעגט איהם רופן 'פעטער' - ער (רבי שמואל אייזיק) איז געווען זיין עלטער פעטער, ער האט נישט קיין שום שייכות געהאט מיט אונז, ער פלעגט זאגן "אז רבי שמואל אייזיק - אייער רבי'נס תלמיד - איז מיינער א עלטער פעטער! א עלטער עלטער פעטער"! אבער ער איז נישט געפארן אויף ראש השנה, ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות, איך ווייס נישט צו ער איז געווען א 'מתנגד' אויך - איך ווייס נישט, אבער ער האט נישט געהאט קיין שום שייכות צו אונז, גארנישט!

מען פלעגט זאגן אז אין 'טעפליק' איז אויך געווען עפעס פון זיינע קרובים - רבי שמואל אייזיק'ס, זיי האבן נישט געהאט קיין שום שייכות געהאט, גארנישט!

ער האט געהאט א טאכטער, איין טאכטער האט ער געהאט - רבי שמואל אייזיק, זיי זאגן דער איידעם איז געווען "א איד א צדיק" - רבי שמואל אייזיק'ס איידעם! אבער וועט ווייסט פון איהם? גארנישט! פארוואס?

ווייל דאס איז א וועג - אזא מין וועג וואס דער אויבערשטער פירט - איז נאר 'איין מענטשן' פירט ער! אבער ס'זאל זיין א השארה, ס'זאל זיין א וועלט, ס'זאל זיין א בריאה, קען מען נישט מיט דעם וועג! קען מען נישט!

אפילו די אמוראים, תנאים, איז אויך געווען צו שארף! בן עזאי, בן זומא, צי שארף! הציץ ונפגע, הציץ ומת![מג] ס'איז נישט געווען (דבר השוה לכל נפש)!

אז דער אויבערשטער וויל ס'זאל זיין א בריאה, איז דער פשט - דער אויבערשטער וויל נישט אז איין 'איינמאל' ברענט מען, ער וויל ס'זאל זיין א קיום אויף אייביג! ס'זאל זיין א קיום אויף יארן, אויף צענדיגלער יארן, אויף אייביג! מוז מען דאך האבן 'כוחות' דערצו!

איך וועל אָפּטוהן א זאך, איך וועל זיך מוסר נפש זיין, איך וועל אוועקלייגן די כוחות, און וואס וועסטו האבן מארגן? וואס וועסטו טוהן שפעטער?! דו דארפסט דאך מארגן אויך וועלן! דו דארפסט דאך איבער-מארגן אויך אזוי וועלן!

רבי נתן האט געהאט אזעלכע מענטשן! געווען ממש שרפים, זיי האבן געברענט, געפלאקערט, אבער ס'איז געבליבן 'קינדער' מיט 'אייניקלעך' מיט 'אור אייניקלעך', אלע זענען געפארן (אויף ראש השנה)![מד]

---

[מג] עי' חגיגה דף י"ד ע"ב.

[מד] עי' ליקוטי הלכות הל' נדרים ד' אות ו'; וּמְבֹאָר בְּסִימָן סח (בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא) שֶׁמְּדַבֵּר גַּם כֵּן מֵעִנְיָן זֶה שֶׁהַצַּדִּיק מֵאִיר בְּבָנִים וְתַלְמִידִים הֶאָרָה כָּזֹאת, בְּאֹפֶן שֶׁהֵם יָאִירוּ לְהַלָּן יוֹתֵר בִּבְנֵיהֶם וְתַלְמִידֵיהֶם, וְכֵן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת לָנֶצַח, שֶׁלֹּא יִפְסַק עוֹד הֶאָרַת הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ לְעוֹלָם. כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ, בְּעֵת שֶׁזָּכִיתִי לִשְׁמֹעַ עִנְיָן הַנּוֹרָא הַזֶּה מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ, כִּי זֶה עִקַּר גְּדֻלַּת נוֹרְאוֹתָיו שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ כָּזֶה שֶׁיָּכוֹל לְהָאִיר הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ בְּבָנִים וְתַלְמִידִים, וְיָכוֹל לְהוֹדִיעַ לְדָרֵי מַטָּה אֲפִלּוּ לְהַמֻּנָּחִים בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד לְהוֹדִיעָם כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, לְהָאִיר בָּהֶם הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה, וּלְהוֹצִיאָם מֵעֲוֹנוֹת עַל-יְדֵי שֶׁמְּגַלֶּה לָהֶם כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וַעֲדַיִן ה' עִמָּם וְאֶצְלָם וְכוּ', כִּי אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל וּבִשְׁאָר מְקוֹמוֹת.

וְלֹא דַּי שֶׁהוּא מֵקִים מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפּוֹת יָרִים אֶבְיוֹן, שֶׁמֵּקִים וּמֵרִים הַנְּמוּכִים וְהַיְרוּדִים מְאֹד מֵעָפָר וּמֵאַשְׁפּוֹת מַמָּשׁ וּמֵקִיץ וּמְעוֹרֵר אוֹתָם בִּבְחִינַת הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר, וּמְחַיֶּה אוֹתָם וּמְחַזְּקָם שֶׁלֹּא יִתְיָאֲשׁוּ מִלִּצְעֹק לַה' יִתְבָּרַךְ בְּשׁוּם אֹפֶן, עַד שֶׁמְּשִׁיבָם לְדַרְכֵי הַקְּדֻשָּׁה בֶּאֱמֶת, אַף גַּם הוּא נוֹתֵן בָּהֶם כֹּחַ כָּזֶה וּמֵאִיר בָּהֶם הַדַּעַת הָאֲמִתִּי, עַד שֶׁיֵּשׁ לָהֶם כֹּחַ לְהָאִיר הַדַּעַת גַּם בַּאֲחֵרִים, עַד שֶׁגַּם הֵם עוֹסְקִים בְּיִשּׁוּב הָעוֹלָם לְהַעֲמִיד בָּנִים וְתַלְמִידִים, וְגַם הֵם מְקִימִים יְרוּדִים וְנוֹפְלִים מֵעָפָר וּמֵאַשְׁפּוֹת, וּמְאִירִים בָּהֶם הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ וְכוּ', וְכֵן מִדּוֹר לְדוֹר לְעוֹלָם. כִּי הַצַּדִּיק עַל-יְדֵי שֶׁמֵּאִיר הַדַּעַת בְּתַלְמִידָיו, בִּבְחִינַת

ס'פלעגט ארויספארן פון ברסלב 'זיבעציג - אכציג' מענטשן אויף ראש השנה! פון טשעהרין איז ארויסגעפארן א גאנצע באן, און פון טעפליק איז געפארן! נעבעך דארטן - דורך היטלער איז אינגאנצן געווארן נעבעך - אבער ס'איז געוועזן! ס'איז געוועזן!

אינגאנצן דער השארה פונעם רבי'ן וואס איז איצטער דא, מען רעדט פונעם רבי'ן, איז אלס מיט'ן כח פון רבי נתן'ען! רבי נתן'ען מיט זיין וועג איז דא!

און איצטער איז אויך דאס אייגענע - דארף מען וויסן גוט אז דער אויבערשטער וויל אז דער מענטש זאל מאריך ימים זיין, און ער זאל היטן די כוחות, כדי ער זאל קענען זיין אויף יארן, "עד עת בא דברו", וויל דער אויבערשטער מען זאל זיך מצמצם זיין!

נו, דאס דארף האבן א גרויסע 'ישוב הדעת' אינעם צמצום! ס'איז אמת![מה] ווארן צופיל צמצום טויג אויך נישט, אז ער וועט בלייבן ביי דעם צמצום וועט ער גארנישט האבן, אבער דער צמצום מוז זיין!

דער צמצום איז געוועזן ביים אנהויב בריאה, דער צמצום האבן זיך מצמצם געוועזן צדיקים, דער צמצום דארף זיין ביי יעדעם איינעם!

רבי נתן רעדט אין א הלכה דארטן אין אבן העזר,[מו] אינגאנצן דער ענין פון 'חתונה האבן' איז א צמצום, וואס האט געזאגט בן עזאי? "מה אעשה שנפשי חשקה

---

מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מָלֵא כְּבוֹדוֹ בְּכָל הָאָרֶץ אֲפִלּוּ בְּמַדְרֵגוֹת הַתַּחְתּוֹנוֹת מְאֹד מְאֹד, עַל-יְדֵי-זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת 'וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ', שֶׁמֵּאִיר דַּעַת כָּזֶה בְּתַלְמִידָיו עַד שֶׁהֵם מַעֲמִידִים תַּלְמִידִים אֲחֵרִים, וְכֵן אֵלּוּ הַתַּלְמִידֵי תַלְמִידָיו מַעֲמִידִים עוֹד תַּלְמִידִים, וְכֵן מִדּוֹר לְדוֹר לְעוֹלָם, עַד שֶׁיִּתְמַלֵּא כָּל הָעוֹלָם מִבְּנֵי אָדָם, דְּהַיְנוּ מִבְּנֵי דֵּעָה שֶׁיּוֹדְעִין אֶת ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁרַק הֵם נִקְרָאִים אָדָם, שֶׁזֶּה עִקַּר יִשּׁוּב הָעוֹלָם בְּחִינַת וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ כַּנַּ"ל.

[מה] עי' ליקוטי הלכות הל' נדרים ג' אות ג'; וּבֶאֱמֶת צְרִיכִין לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן הַרְבֵּה לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּזְכֶּה לָדַעַת אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן זֶה בְּעִנְיַן צִמְצוּם הַהִתְלַהֲבוּת הַזֹּאת, כִּי בְּוַדַּאי צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר מְאֹד לִכְסֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק לַה' יִתְבָּרַךְ תָּמִיד בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת עָצוּם. וְאַף עַל פִּי כֵן צְרִיכִין לְצַמְצֵם הַהִתְלַהֲבוּת שֶׁלֹּא יִהְיֶה יוֹתֵר מִמַּדְרֵגָתוֹ. וְעַל כֵּן אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי בֶּאֱמֶת כִּי אִם כְּשֶׁזּוֹכִין לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים כִּי הֵם יוֹרוּ אוֹתוֹ אֶת הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר יֵלֵךְ בָּהּ וְאֶת הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה בְּאֹפֶן שֶׁיִּהְיֶה הַהִתְלַהֲבוּת וְהַתְּשׁוּקָה כָּרָאוּי בְּהַדְרָגָה וּבְמִדָּה.

[מו] עי' ליקוטי הלכות הל' פרי' ורבי' ב', והל' תפלת המנחה ז' אות צ"ה.

בתורה"! "אפשר - די עולם וועט האבן א קיום דורך אנדערע"![מז] דאס האט ער געענטפערט (על מה ששאלו אותו) "נאה דורש ונאה מקיים, דו דרשנ'סט - זיי מקיים"! א גמרא אין יבמות - ["כאילו שופך דמים וממעט הדמות", אמרו לו -] דו דרשנס'ט אזוי - זיי'זשע מקיים! "אמר אפשר - די וועלט וועט האבן א קיום - א אנדערער וועט טוהן די זאך, נפשי חשקה בתורה"!

(השואל; אבער זיי זענען דאך געבליבן צדיקים?) אבער איך זעה דאך אז זיי זענען נענש געווארן דערפון!

ער האט געענטפערט - (נפשי חשקה תורה), ער איז געוועזן א איד א צדיק, א קדוש אלוקים, ער האט געמיינט מיט אן אמת "נפשי חשקה בתורה", רבי עקיבא איז נישט געוועזן "נפשי חשקה בתורה"? און רבי יהושע בן קרחה איז געוועזן זיינער א זוהן! רבי יהושע בן קרחה איז געוועזן רבי עקיבא'ס א זוהן, רבי עקיבא האט חתונה געהאט, און ער האט געגעבן איר דארטן א צירונג אויפ'ן קאפ,[מח] די מעשה מיט די שלאנג דארטן (בחתונת בתו של רבי עקיבא),[מט] און אלע תנאים, רבי יוסי האט געהאט פינעף זוהן - זאגט די גמרא, אלע געוועזן געוואלדיגע מענטשן!

זעהען מיר דאך, אז דעם תירוץ ("נפשי חשקה בתורה") - דארטן למעלה איז נישט געוועזן קיין תירוץ! נאר וואס דען - ער איז דאך א תנא, מיר קענען נישט רעדן, אבער ס'איז געוועזן הציץ ונפגע, הציץ ומת! מען דארף יא חתונה האבן, און יא האבן קינדער!

*

# 'הבעל דבר מתלבש במצוות'

דער 'בעל דבר' לאקערט אויפ'ן מענטשן, ער לאזט איהם נישט אפ קיין איין רגע, מיט וואס א וועג ער קען - לאקערט ער אויף איהם! ער זעהט שוין מיט וואס ער קען, ער לאקערט, ער לאזט נישט אפ! דארף דער מענטש וויסן - אז ס'איז פארהאנען דער

[מז] עי' מס' יבמות דף ס"ג ע"ב.

[מח] עי' מס' שבת דף נ"ט ע"ב.

[מט] עי' ילקוט שמעוני משלי י' תתקמ"ה.

בעל דבר'ס 'מצוות' אויך! ער האט אויך 'מצוות'! דער בעל דבר האט 'מצוות'! פון זיינע מצוות דארף מען זיך דערווייטערן!

פון זיינע מצוות - רעדט דער רבי אין די ערשטע תורה - ער איז זיך "מתלבש במצוות",[נ] דארטן רעדט דער רבי פון 'תאוות' און 'חושך', ער וויל מאכן דער מענטש "משוגע ממש", און דער רבי רעדט פון 'מצוות' זיינע!

אין אנהויב רעדט דער רבי - אין דער תורה - אז מ'זאל זיך 'מצמצם זיין',[נא] ווער קען קומען צום שכל? מען קען נישט קומען צום שכל - דער שכל איז זייער גרויס - נאר דורך דער 'לבנה', נאר דורך די 'צמצום' - רעדט דער רבי אין דער תורה - פון צמצום!

און דער רבי טייטשט אוים דער "רבה בר בר חנא" - טייטשט ער אויך אויס 'ביידע', אי - ער וויל מאכן דער מענטש "משוגע ממש", אי - ער וויל מצמצם זיין מיט (ריבוי אור), דאס איז ביידע צמצומים! די ביידע נוני"ן!

אין די תורה אליין איז עס נישט אזוי מבואר, און רבי נתן טייטשט עס אויס[נב] - און רבי אברהם רבי נחמן'ס![נג] ליגט שוין אין דער תורה ביידע זאכענישן, אי - מצמצם

---

[נ] ע' שם סוף תו' א'; כִּי הַיֵּצֶר הָרָע רוֹצֶה לְהַטְבִּיעַ וּלְהַשְׁפִּיל ח"ו, בְּחִינַת הַחֵן וְהַחֲשִׁיבוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל, בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה. וּמִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא, כִּי מִתְּחִלָּה הַיֵּצֶר הָרָע מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בְּמִצְווֹת וּמַטְעֶה אֶת הָאָדָם כְּאִלּוּ מְסִיתוֹ לַעֲשׂוֹת מִצְוָה, וְזֶהוּ בְּחִינַת צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא — אֵשׁ לְבָנָה; אַף־עַל־פִּי־כֵן מַלְאָךְ מַזִּיק הוּא ... שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשֻׁגָּע מַמָּשׁ ח"ו, כִּי בַּעַל־עֲבֵרָה הוּא מְשֻׁגָּע, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (סוטה ג.): 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ־שְׁטוּת'. וּכְמוֹ שֶׁהַמְשֻׁגָּעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם וְלָשׂוּם עֲלֵיהֶם שֵׁמוֹת, כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת, שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ.

[נא] שם; אַךְ מֵחֲמַת שֶׁאוֹר הַשֵּׂכֶל גָּדוֹל מְאֹד, אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת אֵלָיו כִּי אִם עַל־יְדֵי בְּחִינַת נוּן שֶׁהוּא בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ע"ב): "לִפְנֵי שֶׁמֶשׁ יִנּוֹן שְׁמוֹ", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'לְשׁוֹן מַלְכוּת'. וְזֶה בְּחִינַת לְבָנָה, כִּי הַלְּבָנָה אֵין לָהּ אוֹר מֵעַצְמָהּ כִּי אִם מַה שֶּׁמְּקַבֶּלֶת מֵהַשֶּׁמֶשׁ (זֹהַר וַיְחִי רל"ח. וְרמ"ט:). וְזֶהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת ... וַאֲזַי מְקַבֶּלֶת הַמַּלְכוּת, שֶׁהִיא בְּחִינַת נ, חִיּוּת מִן הַחָכְמָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת ח, וְנִתְחַבֵּר וְנִתְקַשֵּׁר הַח וְהַנ, וְנַעֲשָׂה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה:

[נב] ע' בליקוטי הלכות הל' פקדון ד' באריכות, וז"ל שם באות ט'; נִמְצָא שֶׁצְּרִיכִין לְתַקֵּן הַמֹּחִין בִּשְׁתֵּי בְּחִינוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁנֵי מִינֵי צִמְצוּמִים, הַיְנוּ צִמְצוּם אֶחָד בְּעֵת שֶׁרוֹצִין לְקַבֵּל הַמֹּחִין שֶׁצְּרִיכִין לְתַקֵּן הַצִּמְצוּם שֶׁלֹּא יֵצֵא הַמֹּחַ מִגְּבוּל הַקְּדֻשָּׁה וְלַחוּץ שֶׁלֹּא יַחֲשֹׁב מַחְשְׁבוֹת חוּץ וְכוּ' כַּנַּ"ל וְזֶה מְתַקְּנִין

זיין, דער רבי זאגט פריער; מען קען נישט קומען צום שכל - די שכל איז זייער גרויס - נאר דורך לבנה, רעדט שוין דער רבי פון צמצום, און ווייטער - ער וויל מאכן דער מענטש 'משוגע ממש'!

דער אמת איז אזוי, מען קען נישט אויסטייטשן 'בפרטיות', מען דארף וויסן דער זאך; דאס איז דער עצה פונעם בעל דבר - וואס קען מען איינעם דעם צווייטן נישט זאגן, דער בעל דבר האט אין זיך אן עצה, ער זעהט אז יענער וויל נישט גיין אין די תאוות, האט ער א וועג איהם צוברעכן מיט 'ריבוי אור', און מיט צופיל מאטערן, און נישט אפהיטן דעם שלאף, וואס איז זיין כוונה? העט ער איהם אוועק'פטר'ן אינגאנצן! דער אויבערשטער וויל דו זאלסט מאריך ימים זיין, דו זאלסט זיין געזונט, דו זאלסט קענען טוהן מיין רצון וואס איך וויל!

מיר רעדן דא - דער רבי זאגט אקעגן 'צמצום', אז דער אויבערשטער האט מצמצם געווען ביים אנהויב בריאה, צדיקים האבן מצמצם געווען זיך לטובת העולם, אז ס'זאל קענען זיין א 'חלל' ביי זיי, האבן זיי זיך מצמצם געווען, און יעדער איינער דארף אויך מצמצם ביי זיך! דער צמצום - אז מ'וויל ס'זאל זיין א בריאה, א בריאה איז דאך מצוות ומעשים טובים, מוז ער אויך מצמצם זיין! דעמאלטס ווערט אינדערמיט א חלל, ס'ווערט א בריאה, "כל ימי גדלתי" וכו'.

און אויב אז איך זאל נישט וועלן זיך מצמצם זיין, וועלן - נישט אפהיטן דער שלאף, וועט קיין בריאה נישט זיין! דו וועסט ארויסכאפן עפעס, אבער קיין בריאה וועט נישט זיין נאכדעם! אויס בריאה! ווי קען זיין א בריאה?!

נאר וואס דען - ביי א צמצום דארף מען שוין האבן זייער גרויס ישוב הדעת, אז מען מוז זיך מצמצם זיין - און מען זאל נישט צופיל מצמצם זיין! אבער ס'איז דא אן עבודה פון צמצום! ווארן דער אויבערשטער האט זיך מצמצם געווען, די צדיקים זענען זיך מצמצם, ס'איז אן עבודה פון צמצום איז דא!

---

בְּאַרְבָּעִים וְתִשְׁעָה יְמֵי הַסְּפִירָה כַּנַּ"ל. וְאַחַר כָּךְ גַּם כְּשֶׁמְּקַבְּלִין הַמֹּחִין צְרִיכִין לְתַקֵּן הַצִּמְצוּם הַשֵּׁנִי, שֶׁגַּם בַּקְּדֻשָּׁה לֹא יֵצֵא חוּץ לַגְּבוּל בְּחִינַת בַּמֻּפְלָא מִמְּךָ אַל תִּדְרֹשׁ וְכוּ', שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הָאַזְהָרָה פֶּן יֶהֶרְסוּ לַעֲלוֹת אֶל ה' וְכוּ', וְזֶה צְרִיכִין לְתַקֵּן בְּשָׁבוּעוֹת עַל יְדֵי בְּחִינַת כֶּתֶר, כִּי כֶּתֶר לְשׁוֹן הַמְתָּנָה כַּנַּ"ל, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לַהֲרֹס לַעֲלוֹת אֶל ה', וְכַמּוּבָא בְּדִבְרֵי אדמו"ר ז"ל מִזֶּה בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת:

[נג] ביאור הליקוטים אות ג', הובא לעיל.

כאטש איך ליג נאך אין חושך - ס'איז דא אן עבודה פון צמצום, און דעמאלטס קען זיין א בריאה דערמיט!

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **נחמי' ווייס** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **שמשון ווייס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **ישראל ברײנעס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת פדיון בנו בכורו למזל טוב**

מוה"ר **יודא ארי' גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**זכות המצוה יגן עליו להתברך בכל מילי דמיטב**

מוה"ר **שלמה הכהן שווארטץ** הי"ו
לאנדאן יצ"ו
לרגל שמחת הולדת נכדתו אצל חתנו מוהר"ר **דוד איגל** הי"ו למזל טוב

מוה"ר **שלמה יודא ווייצהענדלער** הי"ו
**לרגל שמחת הולדת הבן אצל ידידו**
מוה"ר **יוסף מענדל האס** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**למזל טוב**

מוה"ר **אלטר** ומוה"ר **ישכר בער וואגשאהל** הי"ו
מאנסי - וויליאמסבורג יצ"ו
לעילוי נשמת אמם מרת **אסתר צירל** בת ר' **צבי אלימלך הכהן** ז"ל
נלב"ע י"ז שבט תשס"ו תנצב"ה

לעילוי נשמת רבי **חיים זאנוויל** בן רבי **משה** זצ"ל
**האדמו"ר מריבניץ**

לעילוי נשמת ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט תנצב"ה

לעילוי נשמת
הרה"ח ר' **יודא** ב"ר **אברהם** ז"ל **ליכטער**
**ממייסדי וגבאי נאמן כיובל שנים ד'ביהמ"ד ברכת הנחל דחסידי ברסלב, מאנסי יצ"ו**
נלב"ע שב"ק פרשת יתרו כ' שבט דהאי שתא
~ תנצב"ה ~